**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/19/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול הייבט ארויס 2.3 ביליאן דאלאר אין שטייער פארלייכטערונג הילף פאר נאענט צו 3 מיליאן ניו יארקער

***STAR פראגראם גיבט שטייער אויסנאמען און טעקס קרעדיטס פאר פאמיליעס און עלטערע מענטשן אריבער די סטעיט***

***[דיגיטאלע STAR פארטאל](https://www.tax.ny.gov/star/) ערלויבט ניו יארקער צו באקומען STAR קרעדיטס דורך דירעקט דעפאזיט***

***[איינשרייבונג פאר דירעקט דעפאזיט](https://www.tax.ny.gov/star/) פאר דאס יאר איז נאך אפן אין לאנג איילענד***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט ארויסגעהויבן ניו יארק סטעיט'ס אנגייענדע באמיאונגען צו ברענגען 2.3 ביליאן דאלאר אין שטייער פארלייכטערונג פאר נאענט צו דריי מיליאן ניו יארקער אונטער די סטעיט'ס 'סקול שטייער פארלייכטערונג' (School Tax Relief, STAR) פראגראם. מער פון צוויי מיליאן ניו יארקער האבן שוין באקומען זייער STAR שטייער פארלייכטערונג און נאענט צו איין מיליאן וועלן באקומען זייערע בענעפיטן אין די קומענדיגע וואכן. די גאווערנער האט אויך ארויסגעהויבן אז ניו יארקער אין לאנג איילענד קענען זיך נאכאלץ [איינשרייבן פאר דירעקט דעפאזיט](https://www.tax.ny.gov/star/) בעפאר זייערע STAR קרעדיטס ווערן ארויסגעגעבן אין די קומענדיגע וואכן.

"די סעזאן פון די אנהויב פון די נייע שולע יאר איז אויך שטייער פארלייכטערונג סעזאן פאר מיליאנען פון ניו יארקער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אנגעהויבן פון טעקס קרעדיטס ביז טשיילד קעיר הילף און זומער עסנווארג בענעפיטן — זענען מיר פאר צו צוריק אריינלייגן מער געלט אין די קעשענעס פון ארבעטנדע ניו יארקער צו אדרעסירן די קאסטן פון לעבן און העלפן פאמיליעס אריבער אונזער סטעיט."

דער STAR פראגראם שטעלט צו פּראפּערטי טעקס שטייער פארלייכטערונג פאר בארעכטיגטע ניו יארק סטעיט היים אייגנטימער און עלטערע בירגער אריבער די סטעיט. די סומע אין דאלאר פון יעדע STAR בענעפיט ווענדט זיך אויף דעם איינוואוינער'ס איינקונפט שטאפל און אויף אנדערע זאכן.

פאר היים אייגנטימער מיט איינקונפט פון $500,000 אדער וויניגער זענען STAR בענעפיטן געוויינטליך ווערט עטליכע הונדערט דאלאר. פאר עלטערע מענטשן פון 65 און עלטער מיט איינקונפט אונטער $98,700, קענען STAR בענעפיטן זיין מער פון $1,000.

ניו יארקער באקומען די בענעפיט אין איינס פון צוויי וועגן: אלס א STAR קרעדיט וואס ווערט געגעבן דורך א טשעק אדער דירעקט דעפאזיט פאר דעם איינוואוינער אדער אלס א STAR אויסנאם וואס רעדוצירט זייער יערליכע סקול טעקס ביל. איינמאל א היים אייגנטומער שרייבט זיך איין אין דעם

פראגראם דארפן זיי נישט אונטערנעמען קיינע ווייטערע שריט צו פארזעצן צו באקומען די קרעדיט אדער אויסנאם. מער אינפארמאציע איבער דעם פראגראם קען געפונען ווערן דא.

מער פון 2 מיליאן ניו יארקער האבן שוין באקומען זייער STAR שטייער פארלייכטערונג, און די איבעריגע פארלייכטערונג וועט ארויסגעגעבן ווערן פאר נאענט צו נאך איין מיליאן ניו יארקער אין די קומענדיגע וואכן. די צייטן ווען די STAR קרעדיטס ווערן ארויסגעגעבן איז אין אלגעמיין באזירט לויט די דאטומען ווען די סקול טעקס דארף באצאלט ווערן. כאטש סעפטעמבער 30 איז די מערסט פארשפרייטע דאטום פאר סקול טעקס צו דארפן באצאלט ווערן אריבער די סטעיט, האבן טיילן פון די סטעיט ווי לאנג איילענד שפעטערע דאטומען דעם הערבסט.

א ליסטע פון די היי-יאריגע 2.3 ביליאן דאלאר אין סך הכל פון STAR בענעפיטן און די נאענט צו 3 מיליאן מענטשן זיי צו באקומען לויט דעם ראיאן ווערט געוויזן אונטן:

| **ראיאן** | **STAR שטייער פארלייכטערונג סומע** | **צאל מענטשן צו באקומען** |
|---|---|---|
| Long Island | 736.4 מיליאן דאלאר | 596,000 |
| Mid-Hudson | 515.2 מיליאן דאלאר | 414,000 |
| Finger Lakes | 216.4 מיליאן דאלאר | 286,000 |
| Western New York | 188.2 מיליאן דאלאר | 328,000 |
| New York City | 167.3 מיליאן דאלאר | 495,000 |
| Capital Region | 152.3 מיליאן דאלאר | 248,000 |
| Central New York | 138.3 מיליאן דאלאר | 180,000 |
| Southern Tier | 115.6 מיליאן דאלאר | 160,000 |
| Mohawk Valley | 69.9 מיליאן דאלאר | 103,000 |
| North Country | 49.8 מיליאן דאלאר | 90,000 |
| **סך הכל** | **2.3 ביליאן דאלאר** | **2.9 מיליאן** |

גאווערנער האקול און די סטעיט'ס שטייער דעפארטמענט זענען ארויסגעקומען מיט די סאמע ערשטע דיגיטאלע STAR פארטאל פריער דאס יאר. די נייע פארטאל ערלויבט ניו יארקער וועלכע באקומען STAR קרעדיטס זיך צו איינשרייבן אז זייער קרעדיט זאל געשיקט ווערן דורך דירעקט דעפאזיט אנשטאט א פיזישע טשעק אין די פאסט.

פאר די היי-יאריגע באצאלונגען, איז איינשרייבונג פאר דירעקט דעפאזיט נאכאלץ אפן פאר ניו יארקער אין לאנג איילענד, אזוי ווי זייערע קרעדיטס וועלן ארויסגעגעבן ווערן אין די קומענדיגע וואכן.

אלע ניו יארקער וועלכע באקומען STAR קרעדיטס קענען פארזעצן זיך צו באנוצן מיט די דיגיטאלע פארטאל זיך צו איינשרייבן פאר דירעקט דעפאזיט פאר די באצאלונגען פון קומענדיגע יאר.

אלס טייל פון די באמיאונגען, טוט גאווערנער האקול פארזעצן זיך צו קאנצענטרירן אויף דאס אדרעסירן די קאסט פון לעבן פאר פאמיליעס אריבער די סטעיט.

**סענאט מאיאריטעט פירערין ענדריע סטוארט-קאַזינס האט געזאגט,** "דער STAR פראגראם איז א קריטישע רעטונג שטריק פאר ניו יארקער, העלפנדיג פארלייכטערן די פינאנציעלע לאסט פון פראפערטי טעקס אויף היים אייגנטימער אריבער אונזער סטעיט. די שטייער איינשפארנדע באמיאונגען זאגן עדות איבער אונזער פארפליכטונג צו שטיצן ניו יארק'ס ארבעטנדע פאמיליעס אזוי ווי זיי שטייען אויס די דרוק פון שטייגנדע קאסטן פון לעבן. דער STAR פראגראם זעצט פאר צו זיין א קריטישע הילפס-מיטל פאר מיליאנען פון היים אייגנטימער און עלטערע מענטשן, און מיט די נייע דירעקט דעפאזיט אפציע, מאכן מיר דאס אפילו גרינגער פאר ניו יארקער צו צוקומען צו די קריטישע בענעפיטן. די דעמאקראטישע מאיאריטעט אין די סענאט האט געארבעט פון די נאענט מיט גאווערנער האקול און אונזערע קאלעגן אין די אסעמבלי צו פארזיכערן אז – אין צוגאב צו STAR – מיר האבן פארזיכערט צוטריט צו טשיילד קעיר הילף, פארמערט טשיילד טעקס קרעדיט באצאלונגען און אהערגעשטעלט גאר-נויטיגע הילף מיט עסנווארג פאר קינדער אריבער די סטעיט. צוזאמען שפיגלען די אינציאטיוון אפ אונזער איבערגעגעבנקייט צו צוריק אריינלייגן געלט אין די קעשענעס פון שווער-ארבעטנדע ניו יארקער."

**אסעמבלי ספיקער קארל היעסטי האט געזאגט,** "די היינטיגע אנאנסירונג וועט גיבן פאר מיליאנען ניו יארקער די צוגאבליכע איינגעשפארטע געלט וואס פעהלט זיך אויס צו אינוועסטירן און צו אויסגעבן אויף טאג-טעגליכע פראדוקטן וואס זיי דארפן די מערסטע. אונזער פארגעזעצטע אונטערנעמונג צו זיכער מאכן אז דער פראגראם איז פולשטענדיג פינאנצירט און גרינג צוגענגליך הייבט ארויס די אסעמבלי מאיאריטעט'ס איבערגעגעבנקייט צו מאכן ניו יארק מער אפאָרדעבעל פאר פאמיליעס און עלטערע מענטשן אריבער די סטעיט."

**אסעמבלי מיטגלידערין מיקאַעל סאלאַזש האט געזאגט,** "איך לויב אויס גאווערנער האקול פארן אהערשטעלן קריטישע שטייער פארלייכטערונג דורך דעם STAR פראגראם, באזונדערס פאר עלטערע מענטשן וועלכע באקומען א קביעות'דיגע איינקונפט און זענען אנגעוויזן אויף די איינגעשפארטע פראפערטי טעקס. די נייע דירעקט דעפאזיט אפציע ערמעגליכט שנעלערע צוטריט, און איך מוטיג אלע בארעכטיגטע איינוואוינער צו פולשטענדיג אויסנוצן די בענעפיט."

**סענאטאר ברעד האָילמאן-סיגעל האט געזאגט,** "דריי מיליאן ניו יארקער זענען בארעכטיגט פאר שטייער פארלייכטערונג אונטער דעם STAR פראגראם און יעצט, מיט דירעקט דעפאזיט, איז עס גרינגער פון סיי ווען בעפאר צו באקומען די בענעפיט. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול און מאיאריטעט פירערין סטוארט-קאזינס פארן צוטיילן איבער צוויי ביליאן דאלאר אין די סטעיט בודזשעט צו העלפן ניו יארקער באצאלן פאר זייערע פראפערטי טעקס און פאר זייערע פארגעזעצטע באמיאונגען צו מאכן ניו יארק סטעיט פאר א מער אפאָרדעבעל פלאץ פאר אלע אירע איינוואוינער."

**סענאטאר ליראָי קאַמרי האט געזאגט,** "דער STAR פראגראם איז געווען א געוואלדיגע פארלייכטערונג פאר ארבעטנדע פאמיליעס און היים אייגנטימער אין מיין דיסטריקט, און איך באדאנק גאווערנער האקול פארן פארזעצן צו שטיצן די אינציאטיוו. יאר נאך יאר, פארלאזן זיך פאמיליעס און עלטערע מענטשן אויף די בענעפיט פאר א פארלייכטערונג פון זייער פראפערטי טעקס לאסט. מיט די איינפירונג פון די דיגיטאלע פארטאל, וועלן מיר קענען אויסברייטערן דעם פראגראם פאר אפילו מער ניו יארקער. איך וועל פארזעצן מיין שתדלנות און ארבעט צו פארשפרייטן די ידיעה צו זיכער מאכן אז יעדער וואס איז בארעכטיגט קען באקומען די בענעפיט."

**סענאטאר דזשאמאל ט. בעילי האט געזאגט,** "עס איז קריטיש צו שטיצן אונזער קאמיוניטי, באזונדערס די וואס שטייען אויס שוועריגקייטן מיט די קאסטן פון טעגליכע לעבן. איך דרוק אויס מיין הכרת הטוב פאר

גאווערנער האקול פארן אנאנסירן די 2.3 מיליאן דאלאר אין שטייער פארלייכטערונג פאר נאענט צו 3 מיליאן ניו יארקער דורך דעם סקול שטייער פארלייכטערונג פראגראם. די אינציאטיוו, וואס גיבט פראפערטי טעקס שטייער פארלייכטערונג לויט די איינקונפט, וועט באדייטנד ארויסהעלפן פאמיליעס דורכן פארבעסערן צוטריט צו טשיילד קעיר שטיצע און עסנווארג בענעפיטן. אזעלכע מאסנאמען זענען וועזנטליך צו פארלייכטערן די פינאנציעלע לאסטן פון די טאג-טעגליכע געברויכן, און זיי וועלן העלפן פארזיכער א לעכטיגערע צוקונפט פאר אונזערע קינדער."

**סענאטארשע שעלי ב. מעיער האט געזאגט,** "איך בין אזוי דערפריידט אז מיליאנען ניו יארקער וועלן גרינגערהייט באקומען שטייער פארלייכטערונג אין די קומענדיגע יאר דדורך די סטעיט'ס נייע סקול שטייער פארלייכטערונג דירעקט דעפאזיט פראגראם. דא אין וועסטשעסטער זענען פראפערטי טעקסעס א לאסט פאר פילע פאמיליעס, באזונדערס פאר עלטערע מענטשן וואס לעבן אויף א קביעות'דיגע איינקונפט. כאטש פילע וועסטשעסטער איינוואוינער האבן שוין באקומען זייערע טשעקס היי יאר, מוטיג איך אייך זיך צו איינשרייבן פאר דירעקט דעפאזיט אזוי אז אין צוקונפטיגע יארן זאלט איר קענען באקומען אייערע STAR טשעקס אן זיך אנשטרענגען און אויף א צייטליכע פארנעם. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן פארשטיין די לאסט פון פראפערטי טעקס און מיינע קאלעגן פארן אונטערנעמען קאנקרעטע שריט צו אדרעסירן די לאסט."

**סענאטאר פיטער האַרקהעם האט געזאגט,** "אין א צייט ווען יעדע דאלאר מאכט אויס, טוט ניו יארק סטעיט פון פאראויס ארויסשטעלן געלט ארויס פון די רעגירונג קאסעס און אריין אין די באנק אקאונטס פון ניו יארקער. די גאווערנער און איר מאנשאפט האבן געהערט די נויט פאר פארלייכטערונג פאר די מיטעלע קלאס און זיי האבן זיך אפגערופן — אין נאמען פון די בירגער אין מיין דיסטריקט זאג איך א דאנק. די אונטערגעיאגטע פארטיילונג פון STAR געלטער דורך דירעקט דעפאזיט איז נאך א טריט פאראויס פאר אונזער סטעיט. די פארטיילונג פון 2.3 ביליאן דאלאר אין פראפערטי טעקס פארלייכטערונג וועט האבן א וויכטיגע השפעה אויף די לעבנס פון פראפערטי טעקס באצאלער אריבער ניו יארק, און עס וועט שטיצן די לאקאלע עקאנאמיע פון די האדסאן וואלי."

**סענאטאר קעווין טאמאס האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס אנאנסירונג איבער 2.3 ביליאן דאלאר אין שטייער פארלייכטערונג איז א מהפכה פאר ניו יארקער, באזונדערס פאר לאנג איילענד היים אייגנטימער וועלכע פארלאזן זיך אויף דעם STAR פראגראם. דורכן אויסברייטערן צוטריט און דאס מאכן גרינגער פון סיי ווען בעפאר צו באקומען די בענעפיטן דורך דירעקט דעפאזיט, טוהען מיר פארזיכערן אז זיי באקומען געלט צו וואס זיי זענען בארעכטיגט אין א צייטליכע פארנעם"

**סענאטאר דזשעימס סקופיס האט געזאגט,** "דער STAR פראגראם איז וועזנטליך פאר מיליאנען שטייער-באצאלנדע ניו יארקער. די פארלייכטערונג וואס עס שטעלט אהער איז א צענטראלע יסוד פון די רעגירונג'ס באמיאונגען צו מאכן די סטעיט מער אפאָרדעבעל. מער ארבעט פעהלט נאך אן א ספק אויס, און איך וועל פארזעצן צו ארבעטן בשותפות מיט די גאווערנער און מיט קאלעגן וואס טראכטן ווי מיר אויף אינציאטיוון וואס העלפן פאמיליעס פארבלייבן אין זייערע היימער בשעת'ן ארבעט און נאכן רעטייערמענט."

**סענאטארשע דזשעסיקע סקאַרסעלא-ספענטאן האט געזאגט,** "אלס געזעצגעבער, דארפן מיר טוהן אלעס וואס איז מעגליך צו מאכן ניו יארק סטעיט אפאָרדעבעל פאר אונזערע פאמיליעס צו וואקסן און בליהען, און דאס רעכנט אריין צו זיכער מאכן אז שוואר ארבעטנדע ניו יארק סטעיט האבן די קאפאציטעט צו האבן טשיילד קעיר און צו האלטן זייערע קינדער געפיטערט. זייענדיג עלטערן פון צוויי קינדער, ווייס איך ערשט-האנטיג ווי קריטיש עס איז צו צוריק אריינלייגן געלט אין די קעשענעס פון ארבעטנדע עלטערן, און איך בין אזוי פרייליך אז די אינציאטיוון ארבעטן האנט ביי האנט צו לייגן פריאריטעט אויף די וואוילזיין פון ניו יארקע פאמיליעס."

**סענאטארשע מאניקא מארטינעז האט געזאגט,** "א דאנק דעם STAR פראגראם, זעהען לאנג איילענד פאמיליעס באדייטפולע שטייער פארלייכטערונג. צושטעלן 2.3 ביליאן דאלאר אין הילף דאס יאר אליין וועט פארלייכטערן די פינאנציעלע לאסט אויף ניו יארקער, פארמערן אפארדעביליטי פון היים אייגנטומערשאפט און גיבן פאר פאמיליעס מער בויגזאמקייט ביים זיך באגיין מיט זייערע הויזגעזונד בודזשעטס. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן ארבעטן מיט די לעגיסלאטור צו פארזעצן צו צושטעלן די קריטישע שטיצע פאר פראפערטי אייגנטימער אריבער די סטעיט."

**סענאטאר דזשאן ליוּ האט געזאגט,** "די דיגיטאלע STAR פארטאל גיבט פאר ניו יארקער נייע און באקוועמע וועגן צו טרעפן פראפערטי טעקס שטייער פארלייכטערונג, און מיט 2.3 ביליאן דאלאר אין איינגעשפארטע געלטער גייענדיג פאר נאענט צו 3 מיליאן ניו יארקער, איז דאס קלאר אז די נייע פארטאל שטעלט אהער עכטע און ממשות'דיגע הילף פאר היים אייגנטימער. א דאנק פאר גאווערנער האקול פארן מאדערניזירן די טעקס קרעדיט און פארן דאס מאכן גרינגער פאר איינוואוינער צו באקומען דאס וואס עס קומט זיך זיי."

**אסעמבלי מיטגליד טשארלס לאווין האט געזאגט,** "דער STAR פראגראם איז געווען – און א דאנק גאווערנער האקול, וועט עס פארזעצן צו זיין – א געוואלדיגע גוטע וועג זיך צו באגיין מיט די כסדר-וואקסנדע קאסטן פון לעבן. דורכן אויפהאלטן דעם פראגראם און צולייגן טעכנאלאגישע בארייכערונגען וואס מאכן דאס באקומען בענעפיטן אביסל גרינגער, באקומען די עקאנאמישע באדערפענישן פון פאמיליעס און עלטערע מענטשן פריאריטעט."

**אסעמבלי מיטגלידערין דידי בארעט האט געזאגט,** "אזוי ווי פאמיליעס אריבער די האדסאן וואלי מוטשענען זיך מיט שטייגנדע קאסטן, איז דאס קריטיש אז מיר זאלן צושטעלן פינאנציעלע פארלייכטערונג פאר אונזערע בירגער און איינוואוינער. די היינטיגע אנאנסירונג איבער דעם STAR פראגראם, וואס האט געברענגט שטייער פארלייכטערונג פאר מער פון 3 מיליאן ניו יארקער, זאגט עדות איבער אונזער איבערגעגעבנקייט צו זיכער מאכן אז ניו יארק סטעיט פארבלייבט אפאָרדעבעל פאר פאמיליעס פון די מיטעלע קלאס, און איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר שטיצע פון דעם וויכטיגן פראגראם."

**אסעמבלי פרוי נילי ראָזיק האט געזאגט,** "איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פארן גיבן פריאריטעט פאר אפארדעביליטי און פארן באררייכערן דעם STAR צוריקצאלונג פראגראם. דורכן ארייננברענגען דירעקט דעפאזיט און אויסגלאטן צוטריט, טוהען מיר אוועקנעמען שטערונגען פאר פאמיליעס וועלכע פארלאזן זיך אויף די פארלייכטערונג זיך צו באגיין מיט וואקסנדע קאסטן. די פארבעסערונגען זענען פאר מער פון באקוועמליכקייט — זיי ווייזן ארויס אונזער איבערגעגעבנקייט צו העלפן ניו יארקער מצליח זיין אין זייערע קאמיוניטיס."

**אסעמבלי מיטגליד סטיוו אָטיס האט געזאגט,** "אפארדעביליטי איז געווען א הויפט דגש אין אונזער 2024-25 סטעיט בודזשעט, ארייַנלייגנדיג מערערע העכערונגען אין פראגראמען וואס רעדוצירן די פראפערטי טעקס לאסטן, אריינרעכענענדיג רעקארד-הויכע סומעס פון הילף פאר סקול דיסטריקטס, פארמערטע פינאנצירונג פאר לאקאלע רעגירונגען פאר אלגעמיינע סטעיט הילף, שאסייען און בריקן, ריינע וואסער און ענווייראמענטאלע גרענטס. אין צוגאב צו STAR און אנדערע פראגראמען צו רעדוצירן די פראפערטי טעקס לאסט, האט די בודזשעט אויך פארמערט פינאנצירונג צו שטיצן טשיילד קעיר, אפאָרדעבעל האוזינג, העכערע בילדונג – אריינרעכענענדיג העכערונגען אין שכר לימוד הילף און העלט קעיר. די איבערגעגעבנקייט פון גאווערנער האקול און די לעגיסלאטור צו רעדוצירן קאסטן פאר ארבעטנדע פאמיליעס וועט פארזעצן אין 2025. איך שלוס זיך אן מיט די גאווערנער היינט ביים שטיצן אירע באמיאונגען צו אראפנידערן קאסטן פאר ניו יארקער."

**אסעמבלי מיטגלידערין לאטריס וואלקער האט געזאגט,** "איך בין פרייליך צו מיטטיילן די נייעס איבער דעם סקול שטייער פארלייכטערונג (School Tax Relief, STAR) פראגראם מיט די היים אייגנטימער וועלכע וואוינען אין מיין דיסטריקט. עס קומט זיך פאר שווער ארבעטנדע ניו יארקער צו רייסן די פרוכט פון זייער שווערע ארבעט. בארעכטיגט ניו יארקער קענען באקומען הונדערטע דאלארן אין פארלייכטערונג וואס קענען גענוצט ווערן פאר טאג-טעגליכע הויזגעזונד אויסגאבן. די באקוועמליכקייט פון דירעקט דעפאזיט אין עטליכע געגנטער פון די סטעיט מאכט דעם פראגראם אפילו מער ציהענד."

**אסעמבלי מיטגלידערין ראדניס בישאט הערמעלין האט געזאגט,** "די אנהויב פון די שולע יאר איז א באגייסטערנדע נייע קאפיטל, אבער עס קומט מיט פינאנציעלע שוועריגקייטן פאר אזויפיל פאמיליעס און מענטשן וואס גיבן זיך אפ מיט קינדער. איך אפלאדיר גאווערנער קעטי האקול פארן אויפהייבן ניו יארקער און פארגרינגערן די לאסטן פון די נייע שולע יאר דורכן אהערשטעלן 2.3 ביליאן דאלאר אין שטייער פארלייכטערונג פאר נאענט צו 3 מיליאן ניו יארקער. דורכן פארבעסערן דעם STAR פראגראם, בשעת'ן אויך פארגרינגערן צוטריט צו טשיילד קעיר און אויסברייטערן טשיילד טעקס קרעדיט באצאלונגען, מאכן מיר ניו יארק מער אפאָרדעבעל און וואוינבאר פאר אלע קאמיוניטיס."

**אסעמבלי מיטגליד קלייד וואנעל האט געזאגט,** "מיר לויבן אויס גאווערנער האקול'ס באמיאונגען צו זיכער מאכן אז די ארבעטנדע ניו יארקער פון די מיטעלע קלאס האבן פארלייכטערונג אין די שווערע עקאנאמישע צייטן. מיר וועלן פארזעצן צו קעמפן פאר די ארבעטנדע מענטשן פון ניו יארק סטעיט."

**אסעמבלי מיטגליד טשארלס פאָל האט געזאגט,** "די אינציאטיוו שפילט א קריטישע ראלע ביים פארלייכטערן די פינאנציעלע לאסט אויף אונזערע פאמיליעס, זיכער מאכנדיג אז זיי קענען מצליח זיין און אז אונזערע קאמיוניטיס קענען פארזעצן צו בליהען. איך לויב אויס גאווערנער האקול פארן שטיין אין שפיץ פון די אינציאטיוו. איך קוק ארויס צו פארזעצן די ארבעט פון אויפבויען א צוקונפט אויף יסודות פון גערעכטיגקייט, צוטריט און בליהאונג פאר יעדער מענטש אין די 61'סטע דיסטריקט אין סטעטן איילענד, לאָוואר מאנהעטן און ברוקלין."

**אסעמבלי מיטגליד נעידער סעיעג האט געזאגט,** "איך אפלאדיר די גאווערנער פאר איר ארבעט ביים עפענען די סאמע ערשטע דיגיטאלע STAR פארטאל וועלכע האט געהאלפן אהערשטעלן 2.3 ביליאן דאלאר אין שטייער פארלייכטערונג פאר כמעט 3 מיליאן פאמיליעס אין אונזער סטעיט. מיט די עפענונג פון די דיגיטאלע פארטאל, קענען פילע הויזגעזינדער יעצט באקומען זייערע קרעדיטס שנעלער און גלאטער. די אויסגעברייטערטע צוטריט צו טשיילד קעיר הילף, אויסגעברייטערטע טשיילד טעקס קרעדיט באצאלונגען און הילף מיט עסנווארג פאר קינדער אריבער די סטעיט זענען קריטישע שריט ביים שטיצן ארבעטנדע פאמיליעס און זיכער מאכן אז די שוואכסטע צווישן אונז ווערן נישט איבערגעלאזט פון הונטן. די באמיאונגען האבן אן עכטע השפעה אין די לעבנס פון ארבעטנדע ניו יארקער."

**אסעמבלי מיטגלידערין דזשעניפער ראַדזשקומאַר האט געזאגט,** "די STAR טעקס קרעדיט איז אן עקאנאמישע רעטונג שטריק פאר כמעט דריי מיליאן ניו יארקער, צוריק אריינלייגנדיג 1.6 ביליאן דאלאר אין זייערע קעשענעס צו דעקן די קאסטן פון פונדאמענטאלע פראדוקטן. היינט מאכן מיר היסטארישע רעפארמען צו אריינברענגען STAR אין די 21'סטע יאר הונדערט. ניו יארקער וועלן יעצט האבן פרעצעדענטלאזע צוגענגליכקייט צו די קרעדיט, אריינרעכענענדיג די אפציע פאר דירעקט דעפאזיט, כדי מער הויזגעזינדער זאלן באקומען די צוריקצאלונג טשעק וואס קומט זיך זיי. צוזאמען שטעלן מיר צו גאר-נויטיגע עקאנאמישע פארלייכטערונג, נידערן אראפ ניו יארקער'ס קאסטן פון לעבן און מאכן אונזער שטייער סיסטעם מער יושר'דיג."

**סענאטארשע דזשעסיקע גאנזאלעז-ראָהאַס האט געזאגט**, "מיר מוזן טוהן אלעס וואס מיר קענען צו מאכן ניו יארק מער אפּאָרדעבעל פאר יעדן. די STAR צוריקצאלונג טשעק פארטיילונג דורך גאווערנער האקול איז א געוואלדיגע געלעגנהייט צו שטיצן היים אייגנטימער אין אונזער שטאט און סטעיט. די טשעקס קומען פונקט אין צייט ווען ניו יארקער זעצן פאר אונז צו בעטן זיי צו העלפן ענדיגן דעם חודש. ניו יארקער האבן געווארט פאר- און האבן באקומען הילף. היינט איז א וויכטיגע טאג ווייל בודזשעטס זענען נאר געווארן מער איינגעצויגן און בילס זענען נאר געווארן העכער. א דאנק פאר אלע וועלכע האבן געהאלפן דאס מאכן געשעהן כדי מיר זאלן קענען צושטעלן מער פארלייכטערונג און צוגענגליכקייט פאר אלע ניו יארקער."

**אסעמבלי מיטגליד ברייען קאָנינגהעם האט געזאגט**, "איך אפלאדיר גאווערנער האקול'ס פירערשאפט ביים ערפילן איר פארפליכטונג צו אהערשטעלן באדייטפולע שטייער פארלייכטערונג פאר נאענט צו 3 מיליאן ניו יארקער. די אויסברייטערונג פון דעם STAR פראגראם, מיט די באקוועמליכקייט פון דירעקט דעפּאזיט, צייכנט אפ א קריטישע טריט ביים פארזיכערן אז פאמיליעס און עלטערע מענטשן קענען צוקומען צו די פארלייכטערונג גלאטערהייט. אזוי ווי די קאסטן פון לעבן זעצט פאר צו זיין א שוועריגקייט פאר פילע מענטשן, זענען די טעקס קרעדיטס א קריטישע אינוועסטירונג אין די פינאנציעלע סטאביליטעט פון ניו יארק'ס ארבעטנדע פאמיליעס. איך מוטיג אלע בארעכטיגטע איינוואוינער, פון ברוקלין ביז באפעלאו, צו אויסנוצן די געלעגנהייט. צוזאמען בויען מיר א מער אפּאָרדעבעל ניו יארק פאר יעדן."

**אסעמבלי מיטגלידערין יודעלקא טאפיא האט געזאגט**, "דער STAR פראגראם בלייבט א קריטישע רעטונג שטריק פאר היים אייגנטימער און עלטערע מענטשן, באזונדערס אין קאמיוניטיס ווי די בראנקס, וואו ארימקייט ראטעס זענען צווישן די העכסטע אין די סטעיט. דורכן אויסברייטערן פינאנציעלע און עקאנאמישע הילף, ווי מער צוטריט צו טשיילד קעיר און די טשיילד טעקס קרעדיט, מאכן מיר זיכער אז פאמיליעס קענען זיך קאנצענטרירן אויף וואס עס מאכט די מערסטע אויס. די אינציאטיוון שפיגלען אפ ניו יארק סטעיט'ס אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו שטיצן איינוואוינער אריבער ניו יארק סטעיט און צו פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר יעדן."

**אסעמבלי מיטגלידערין דענע לעווענבערג האט געזאגט**, "ניו יארק איז די מערסט געוואלדיגע סטעיט אין די לאנד, און מיר ארבעטן שווער יעדן טאג דאס צו גרינגער מאכן פאר מענטשן זיך צו ערלויבן צו וואוינען און ארבעטן דא. פראגראמען ווי די STAR צוריקצאלונג גיבן פאר היים אייגנטימער מער פלאץ צו אטעמען אין זייערע בודזשעטס, און דאס זיך איינשרייבן אין דעם נייעם דירעקט דעפּאזיט פראגראם וועט מאכן די פראגראמען פון באקומען די געלט מער איינפאך. און דורכן אויסברייטערן אונזער טשיילד טעקס קרעדיט פראגראם, צושטעלן זומער EBT צו האלטן קינדער געפיטערט ווען שולע איז פארמאכט און ארייינברענגען פראגראמען ווי NY.gov/childcare, טוהען מיר פארשטערקערן די זיכערהייט נעץ פאר אונזערע קינדער און די ערוואקסענע וואס גיבן זיך אפ מיט זיי. די קריטישע פראגראמען העלפן ניו יארקער זיך אוועקשטעלן אויף די פיס און זיך פאראויס רוקן, און איך בין שטאלץ זיי צו שטיצן. איך וועל פארזעצן צו ארבעטן מיט גאווערנער האקול און מיינע קאלעגן אין די לעגיסלאטור צו טרעפן וועגן צו שטיצן ניו יארק'ס ארבעטנדע און מיטעלע-קלאס פאמיליעס."

**אסעמבלי מיטגליד דזשארדזש אלווארעז האט געזאגט**, "פשוט און גראד — די רענט איז נישט נארמאל הויעך. שטייגנדע רענט האבן געפירט צו מאסן פון ניו יארקער זיך ארויסציהענדיג פון די סטעיט זוכנדיג אפּאָרדעבעל האוזינג ערגעץ אנדערש. איך אפלאדיר גאווערנער האקול'ס פירערשאפט אויף די נושא און איך קוק ארויס צו פארזעצן די ארבעט מיט איר צו זיכער מאכן אז אונזערע שכנים קענען לעבן באקוועמערהייט און אונזערע עלטערע מענטשן קענען זיך פארעלטערן אין זייער קאמיוניטי."

**אסעמבלי מיטגלידערין מערידזשעין שימסקי האט געזאגט**, "מיט די העכערונג צו די STAR קרעדיט, וועלן מיד-האדסאן איינוואוינער זעהן מער פון א האלבע ביליאן דאלאר אין שטייער פארלייכטערונג.

צוזאמען מיט אויסברייטערונגען צו די טשיילד טעקס קרעדיט, טשיילד קעיר און עסנווארג הילף פראגראמען, העלפן די פראגראמען מאכן ניו יארק מער אפֿאָרדעבעל פאר די מענטשן וועלכע וואוינען דא — פון ארבעטנדע פאמיליעס ביז עלטערע מענטשן אויף א קביעות'דיגע איינקונפט. איך בין שטאלץ צו האבן געשטיצט א סטעיט בודזשעט וואס אינוועסטירט אין אירע איינוואוינער און קאמיוניטיס, און א דאנק פאר גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט אין די וויכטיגע מיסיע."

**העלפן מער פאמיליעס באצאלן פאר טשיילד קעיר**

דעם זומער האט גאווארנער האקול געעפנט [ny.gov/childcare](ny.gov/childcare) — א דיגיטאלע פארטאל צו העלפן מאכן אומזיסטע אדער ביליגע טשיילד קעיר מער צוגענגליך פאר בארעכטיגטע פאמיליעס אריבער די סטעיט דורך ניו יארק סטעיט'ס טשיילד קעיר הילף פראגראם (Child Care Assistance Program, CCAP). די נייע איניציאטיוו פאלגט נאך א היסטארישע 1.8 ביליאן דאלארדיגע סטעיט און פעדעראלע אינוועסטירונג אין CCAP פארזיכערט דורך גאווערנער האקול אין די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025. CCAP דעקט איבער 90% פון מארקעט ראטע טשיילד קעיר קאסטן פאר מער בארעכטיגע פאמיליעס, און מערסטע פאמיליעס פון פיר צאלן נישט מער ווי $15 א וואך פאר טשיילד קעיר.

די גאווערנער האט שוין פריער געארבעט מיט די לעגיסלאטור איבערצוארבעטן די טשיילד קעיר סיסטעם און מאכן, היסטארישע, געוואלדיגע אינוועסטמענטס, אריינגערעכנט א פיר-יאר, 7 ביליאן דאלער צוזאג צו פארבעסערן די טשיילד קעיר הילפס פראגראם, אויסברייטערן איינקונפט בארעכטיגונג פאר טשיילד קעיר הילף צו איבער האלב פון יונגע קינדער אין ניו יארק, העכערן שטאטישע צוריקבאצאלונג ראטעס פאר פראוויידערס אויסצוברייטערן די נומער פון פראגראמען פון וועלכע פאמיליעס קענען אויסוועלן, אינוועסטירן 50 מיליאן דאלער אוועקצושטעלן א טשיילד קעיר קאפיטאל פראגראם, אינוועסטירן 343 מיליאן דאלער צו סטאבילעזירן פראגראמען וואס זענען אין געפאר זיך צו פארמאכן און שטיצן די טשיילד קעיר ארבעטסקראפט, און אינוועסטירן 15.6 מיליאן דאלער אויסצוברייטערן טשיילד קעיר צו אלע SUNY און CUNY קאמפוסעס.

**פארברייטערן צוטריט צו קינד שטייער קרעדיט געלטער**

גאווערנער האקול האט אויך געמאלדן אין די פארגאנגענהייט אז ניו יארק סטעיט האט ארויסגעגעבן אומגעפער 350 מיליאן דאלאר אין צוגאבליכע באצאלונגען פאר פאמיליעס מיט נידעריגע און מיטלמעסיגע איינקונפט אריבער די סטעיט דורך דעם עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט (Empire State Child Credit) פראגראם. מער פון 1 מיליאן פאמיליעס האבן באקומען די פינאנציעלע הילף אין דארפן בכלל אפליייען, אזוי ווי יעדע בארעכטיגט פאמיליע האט באקומען א דירעקטע באצאלונג פון ביז אזויפיל ווי $330 פער קינד.

די עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט איז א שטייער קרעדיט וואס מען קען צוריקבאקומען פאר אינקאם-קוואליפיצירטע ניו יארקער מיט קינדער. אין 2023, האט גאווערנער האקול און די סטעיט לעגיסלאטור אויסגעברייטערט די עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט אריינצונעמען קינדער אונטער פיר יאר אלט, זייענדיג גינסטיג פאר נאך אומגעפער 600,000 קינדער א יאר. פריער דאס יאר האבן מער פון 1 מיליאן פאמיליעס וואס זענען בארעכטיגט פאר די עמפייער סטעיט טשיילד קרעדיט באקומען הונדערטע מיליאנען דאלארן אין טעקס קרעדיטס באזירט אויף זייערע 2023 טעקס פיילינגס.

**צושטעלן הילף מיט עסנווארג**

גאווערנער קעטי האקול האט אויך אנאנסירט אין די פארגאנגענהייט אז ניו יארק האט ארויסגעגעבן נאענט צו 200 מיליאן דאלאר אין הילף מיט עסנווארג פאר מער פון 1.5 מיליאן קינדער פון פאמיליעס מיט נידעריגע איינקונפט אלס טייל פון דעם נייעם זומער עלעקטראנישע בענעפיטן טראנספער (Summer Electronic Benefits Transfer, EBT) פראגראם. ניו יארק שיקט $120 פער קינד צו

בארעכטיגטע פאמיליעס צו העלפן צאלן פאר געזונטע מאלצייטן. פילע בארעכטיגטע פאמיליעס האבן שוין אנגעהויבן באקומען די הילף, און די בענעפיטן וועלן פארזעצן צו געשיקט ווערן אין די קומענדיגע וואכן.

זוממער EBT איז א נייע פעדעראלע געצאלטע פראגראם וועלכע שטיצט באמיהונגען צו אדרעסען עסנווארג אומפארזיכערטקייט צווישן קינדער פון נידריג-איינקונפט פאמיליעס. יעדער סטעיט וואס איז מחליט זיך איינצושליסן אין די זוממער EBT איז פאראנטליך פארן אויסטיילן די $120-פער-קינד בענעפיטן צו בארעכטיגטע פאמיליעס, אזוי אויך דעקן האלב פון די אדמיניסטריווע קאסטן פארבינדן מיטן אויסטיילן די געלטער. גאווערנער האקול האט פארזיכערט אז ניו יארק וועט אנטייל נעמען אין די פראגראם און האט פארזיכערט 13 מיליאן דאללאר און די סטעיט'ס פיסקאלישע יאר 2025 בודשעט צו שטיצן זוממער EBT אויסטיילן באמיהונגען דורכאויס די סטעיט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן